בקביעות |ביקוויעס| - אדוו.(לל) באשטענדיק, אויף שטענדיק, רעגולער. % דער ראש-ישיבה זאגט זיין שיעור יעדן מאנטיק בקביעות. זיי בלייבן שוין אין ישראל בקביעות. ער ארבעט אויף דער שטעלע בקביעות א צענדליק יאר.

1875 " און ער |דער בעש"ט| האט זיך קובע געווען
צו זיין דארטן בקביעות און האט געלערנט דארטן 7
מיט די קינדער". קהל חסידים, לעמבערג, דף י"א-I.

1895 " ווער עס האט צוויי הייזער, דארף ער צינדן
|חנוכה-ליכטלעך| נאר אין דעם הויז, וואס ער עסט 6
בקביעות". ס' מקור הברכה II, מונקאטש, ז' מ"ז - II.

1961 " דריי דורות צדיקים |...| האבן געוווינט
בקביעות און געפירט (בר)'אישאפט". מ. ש. גשורי, 11
יזב[illegible] לוצק, ת"א, ז' 313.

ם 1612 " און' וואש לערניר זיין דיא זאל קובע עתים לתורה זיין בקביעות צו לערנין". תקנות חכמי ומנהגי ק"ק פראג, שע"ב, ציט י. ריווקינד, רשומות, ת"א, 1926, ז' 347.

בקבלה |בעקאַבאָלע| - אדוו. (לל) אין דער איבער-געבונג, אין דער טראדיציע, טראדיציאנעל. % האבן בקבלה. איבערגיין בקבלה. איבערגעבן בקבלה. דעם מינהג האבן מיר בקבלה פון אונדזערע עלטערן. די לעגענדע איז אין דער משפחה איבערגעגאנגען בקבלה פון דור צו דור.

1832 " מיר וועלן אין דעם בית המקדש אן רעכטן
אלירלייא קרבנות אזוי וויא מיר האבין בקבלה 24
פון אונזרי תלמידי חכמים". מחזור לשלוש רגלים,
סלאוויטע, דף נ"ח - II.

1864 " מיר האבן דאס <u>בקבלה</u> פון אונדזערע טאטעס".

<u>ממוס</u>, <u>דאס קליינע מענטשעלע</u>, <u>קאנק</u> 46.

1928 " די חסידים האבן זיך געקוויקט מיט דער תורה,

זי איבערגעגעבן <u>בקבלה</u> זייערע קינדער". <u>אפא VI</u>, 27

ז' 171.

1957 " ניט געווען קיין איינציקע משפחה, וואס זאל

ניט איבערגעבן <u>בקבלה</u>, איש מפי איש, וואס פאר א 26

קרבנות די פאמיליע האט פארלוירן". <u>לדב</u>, נ"י,

דף רי"ח.

1696 " איך האב דאז <u>בקבלה</u> פון מיין פאטר ר' שמעון

דאש מן דעם שטן עפיס געבן מוס ווען אויף איינם 31

איין גזירה איז". <u>ס' מעשה השם</u>, דף י"ז,

<u>ציט אווע III</u>, ז' 457.

1723 " אך דען סדר פון קידוש און הבדלה גלייך וויא

מיר פון אונזרי עלטרן האבן <u>בקבלה</u>". <u>ס' המנהגים</u>, 25

אמשטרדם, שער-בלאט.

ב ק ב צ נ ו |בעקאבצײנו| ז יי ן - (<u>איר</u>) זיין א

קבצן, זיין ארעם|געגומען פון דער וואכעדיקער

שמונה-עשרה|.

1898 " איז זי געווים די ערשטע שוינהייט אין א וועלט...

אר וואס העלפט דאס, אז דער פעטער איז 'בקבצנו'!". 44

א ייד א דלפון מיט א גרויסע פאמיליע |...|".

<u>ג. ה. לעוונער, א חתן איבער א נאכט</u>, ווילנע.

ב ק ד ו ש ה |ביקדושע| - אדוו. (לל) אין הייליקייט
(געמיינט אפהיטנדיק שטרענג אלע דינים).

1872 " |...| דען ווער עס פירט זיך מיט זיין ווייב
בקדושה, ניט גענוג וואס ער הייליקט זיין גוף און 47
נשמה, אפילו די קינדער, וואס קומען ארויס פון אים,
ווערן |וועלן| אויך הייליק זיין". י. ל. יאסעלאוויץ,
תוכחת מוסר (רבמ"ם), ווילנע, ז' י"ח.

1919 " און פון די פירות וואס מ'קלויבט אָן מוז
מען עסן בקדושה און מ'טאר ניט מאכן קיין האנדל 46
מיט פירות". סש, II, ווארשע, ז' 45.

0 בקדושה-ובטהרה |~=אויוועטאַרע| - אדוו פר.
אין הייליקייט און ריינקייט, דזוו דפוו, מער
עמפאטיש.

1928 "דבורהלע |...| איז געווען א גרויסע מיוחסת,
וועגן וועלכער דער רב האט געשריבן, אז זי איז 49
געבוירן געווארן 'בקדושה ובטהרה'". אפא VI,
ווילנע, ז' 18.

1957 " ווען מען לערנט דעם ספר בקדושה ובטהרה,
|...| מוז מען באוואונדערן דעם 'תניא', ווי עס 51
האט אים באוואונדערט רב לוי-יצחק: אריינצושטעלן
אזא גרויסן גאט אין אזא קליין ספרל".
ה. צייטלין, אריינפיר אין חסידות |...|,
נ"י, ז' 97.

בקדושה-וביראה |~=אויוועיִרע| - אין הייליקייט און
גאָטפארכטיקייט.

ם 1723 " און' דער חזן תוקע מוזין זיך בקדושה וביראה
דרייא טאג דער פיר אויף פירין, דר וייל זיא 52
זולין דר וועגין אונבערים הערצקייט אויף רירין".
א. קירכהאן, שמחת הנפש II, פיורדא, תפ"ג,
דף ד - III.

ב ק ו = |בעקאָו=| - ערשטער טייל פון א צאל אדוו פר.
אויף דער ליניע (ריכטונג, צושטאנד/מצב) פון |...|.

0 בקו-הבריאה |~ =האָבריִע| - אדוו פר, פפ בקו-הבריאות
|~= האָבריִעס|. (לל) אין מצב פון געזונט,
% דאס ערשטע קאן איך אייך שרייבן, אז איך בין,
גאט צו דאנקען, בקו-הבריאה, אלוואי ווייטער ניט
ערגער |נוסח פון בריוו|.

... " ער האט ב"ה אפעטיט! אויסער אז ער איז נישט
בקו-הבריאה, ווי למשל נעכטן, ער איז קראנק 58
געווען, האט זיך אים געדאכט, אז דאס ברויט איז
זויער". פרץ, דער משולח.

1948 " אים געבעטן איבערגעבן, אז אזוי ווי ער איז
ניט בקו-הבריאה און ער האט א נייטיקן ענין צו אים
|...|". נס, משפחה מאשבער II, 71.

בקו-הבריאות |~ = האָבריִעס| - דזוו דפוו.
% בקו-הבריאות זיין.

... " טריינע-מיכל, דו ביסט מיר עפעס ניט בקו-הבריאות?
שיקן נאך א רופא?". פרץ, דער בעש"ט פירט אויס 59
א שידוך.

1931 " א מעשה מיט א יידענע, וואס |...| האט זיך
געקלאגט, אז אלע אברים טוען איר וויי, און זי 60
אליין איז אויך עפעס ניט |...| בקו-הבריאות".
ד. י. זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען,
ווין, ז' 60.

1968 " |...| יאנקל פּאַלטאַווער האט געקרעכצט, אז
ער אליין איז ניט בקו-הבריאות |...|". חג, קאנק
צמח אטלאס II, ז' 260.

**בקו-החיים-והשלום** |~ = האכאים וועהאשאלעם| -

אדוו פר. דזוו דפוו, עמפאטישער: מע לעבט און מען איז געזונט. % **בקו-אחיים-והשלום** זיין.

... " ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ברוך (ו)שם **בקו-החיים והשלום**". שע, מנחם -מענדל, לאנדאן, ז' 11. 68

ב ק ו ל |בעקאָל| - אדוו. הויך, אויפן קול.

% אָמן דארף מען ענטפערן בקול. ענטפער אים בקול, ער איז א ביסל טויבלעך.

0 **בקול דממה דקה** |בעקאָל דמאָמע דאַקע| - פר. (לל) מיט א שטילן קול, שפּטשענדיק, שטילערהייט |מלכים א', יט - יב|.

... " צי איז עס א מזמור, א ליד ממעמקים, // א תפילה צו זאגן **בקול דממה דקה**". א. גאלדבלאט, |ווו, ווערק?|. ברושי

**בקולות וברקים** |בעקוילעס אוּווראַקים| - אדוו פר.

(לל) 1. מיט דונערן און בליצן |שמות יט-יב|.

2. (פיג) מיט גרויסע געשרייען, מיט א געפילדער, ליארעם. % א מחנה סאלדאטן ~~[illegible]~~ (sic) דורכגעגאנגען אונדזער שטאט **בקולות וברקים**.

... "ביידע וועקן זיי |...|, איינער מיט א קול דממה דקה, דער אנדערער **בקולות וברקים**". ב. רודמאן |ווו, ווערק?|. ברושי

בקולי-קולות |בעקוילע-קוילעס| - אדוו פר. מיט גרויסע געשרייען, זייער הויך מיט א ליארעם, געפילדער. % ער שרייט בקולי-קולות, אזוי טוט אים וויי. אויפן מארק איז א טומל, אלע רופן אויס זייערע סחורות בקולי-קולות.

85 " |...| האט אן גיזאגט זיינע לייט ס'זאל זיך אלץ בחשאי טאן, נישט בקולי קולות." חיים מאלאגע, גדולת ר' וואלף, ציט יידישע כתבים, ווילנע, 1937, ז' 241.

86 1966 " דער שמש פלעגט בקולי-קולות אנזאגן דעם אנקום פון שבת. אין מיטן מארק פלעגט ער שטיין און שרייען 'איך שול ארייך!'". צ. סעגאלאוויטש, יזב שצ'וציך |...|, ת"א, ז' 356.

בקול רם |בעקאָל ראָם| - אדוו פר. אויף א הויכן קול, אין דער הויך. % דער שמש האט אויסגערופן בקול רם, אז אלע ווערן פארבעטן צום גביר אויף דער שימחה.

... " |...| נישט לאנג געטראכט, כאפט ער ארויס א פאפיר און לייענט בקול רם". שע, אין שטורם, ז' 45.

81 1937 " שמואל לוויוויטשער זאָטלט אָן די ברילן |...| און לייענט בקול רם, |...|, וואס איז פארגעקומען אין צינצימין". מ. בורשטין, ביי די טייכן פון מאזאוויע, ציט אנט, ז' 79.

קאנק 1968 " |...| אין הויכן און קילן רוים איז נאך געבליבן הענגען דאס ווידערקול פון מנין, וואס האט געדאוונט בקול רם". חג, צמח אטלאס II, נ"י, ז' 396.

ם 1626 " ...|בלעם דער האט ישראל גילובט בקול רם
און דער נאך האט ער איין קללה אויף זייא געבראכט". 74
סהמ, משלי, כז - יד, לובלין, שפ"ו.

1676 " ...| דא הייבט זיא אן צו שרייאן בקול רם
און שרייט דען מאן אן |...|". ברנט שפיגל, 80
פפד"מ, פרק י"ד.

בקומה זקופה |בעקוימע זעקופע| - אדוו פר.
(לל) 1. מיט אן אויסגעגלייכטן רוקן, ניט
איינגעבויגן. % שטענדיק גייט ער אויסגעגלייכט,
בקומה זקופה, כאטש ער איז שוין א ייד אין די יארן.

2. (פיג) שטאָלץ, אָן הכנעה. % יעדער מענטש דארף
זיך האלטן בקומה זקופה, ניט בוקן זיך און ניט
דערנידעריקן זיך פאר קיינעם.

ם ---> 1.

1750 " גלעגיר בקומן מיר ענדליך דאריך גרויזי חניפה
// אין איין חדר וואו מן קען נישט שטיהן בקומה זקופה:
איין בעט אזו קארץ אלז וויא אים סדום."
פראנקפורטער בחורים-ליד, ציט א. פריימאן,
וואַקשטיין-בוך, ווילנע, 1939, ז' 348.

בקומפאניע |בעקאָמפּאַניע| - אדוו. (כלומרשטער
העברעיזם) צוזאמען מיט נאך עמעצן, אין א
געזעלשאפט, בחברותא.

1888 " |...| ווי אליהו הנביא האט אַמאָל איין מאל
מיטגענומען וואַנדרעווען בקומפאניע אויף דער וועלט,
נאר בתנאי, הערן, זען און שווייגן". ממוס,
ווינטשפינגערל, קאנטק 63, ווילנע 1913, ז' 118.

ב ק ו ר - ח ו ל י ם - ביקור-חולים.

ב ק י |באָקי| - אדי. וואס קען גרינטלעך עפּעס, זייער באהאווּנט, גוט אָריענטירט אין עפּעס, גוט באַקאַנט מיט עפּעס; ס'רוב געניצט סובסטאַנטיווירט: אַ בקי (אין). ‎% ער איז בקי אין גמרא און תוספות. דער פּראָפעסאָר איז אַ גרויסער בקי אין דער געשיכטע פון דער תנ"ך-תקופה.

1832 " און ער זיצט אין דיא קאמירין פון דעם בית המקדש |...| וויא א מומחה וואש ער איז בקי אין דינים". מחזור לראש השנה, סלאוויטע, דף כ - II. 144

1873 " |...| איז געוועזן א מפורסם, א בקי אין אלע וועגן, א בעל-זכרון ווו ערגעץ א קרעטשמע". ממוס, די קליאטשע, קאנק 3630.

1928 " דער ייד איז געווען אַן אריינגייער אין די רייכסטע יידישע הייזער, |...| געווען א בקי אין אלע סודות - פון דער קוך ביז דעם שלאפצימער |...|". אפּא II, ווילנע, ז' 99. 99

1975 " כ'האב אים פארהערט: ער איז בקי אין די פיר שולחן-ערוכס". באש, דער שפיגל [...], ת"א, ז' 207. קאנק

פּפּ: בקי ווי א ייד אין אשרי - זייער באַהאַווּנט, קען אויף אויסנווייניק |אַשרי - די ערשטע תפילה פון דאַוונען|.

דעם זעלבן באטייט האבן אויך די פארגלייכן:

בקי ווי א רב אין יורה-דעה; ווי דער בעל-תפילה אין מחזור; ווי דער מלמד אין סידור; ווי שמואל שבילי דרקיע.

מיט דעם אייגענעם מיין אבער מיט אן איראניש-שפאסיקן בייטאן:

ביק, ווי א חסידל אין רבינס ניגון; ווי א משכיל אין תנ"ך,
ווי א ליטוואק אין חיי-אדם; ווי א חבדניק אין רבס
שולחן-ערוך.

ער איז בקי בש"ס ווי א טויבער אויפן באס - (שפאטיש)
וועגן אן עם-הארץ.

ער איז בקי אין די קליינע אותיולעך (וואר: אין די
שווארצע פינטעלעך) - וועגן א למדן, א געלערנטן,
אן ערודיט.

ם 1610 " ענטוורט רבי עקיבא |צו טורנוס רופוס| איך
ווייש וואול דוא בישט (בקי) אין יהודי' ספרים". 140
טח, מדרש, שמות, לה - ב.

1732 " טושטו אין דען דין בקי זיין, אז וויא גיוויש
אין אלי מארגן דער מארגן שיין, זוא מאגשטו דען 143
דין אוישזאגן". עיון יצחק, בערלין, דף 9 - II.

בקיאות |בקיעס| - דאס/די, בא. גרויסע
באהאוונטקייט. ערודיציע, פאכמענישקייט. % דער
דאקטאר איז באוווסט מיט דער בקיאות אין זיין
ספעציאליטעט, ער קען גוט די פאך-ליטעראטור און
האט טאקע א סך פראקטיק. יענער ווייזט ארויס
בקיאות אין ש"ס ופוסקים, ווייסט ווו איטלעכע
הלכה געפינט זיך.

" דער ר' משה איז געווען גאר א חידוש |...| [182?]
מיט אזו פיל תורה, מיט אזו בקיאות אין זוהר אין און 127
אלע כתבי הארי". חיים מאלאגע, גדולת ר' וואלף,
ציט' יפה, יידישע כתבים, ווילנע, 1937, ז' 231.

1874 " דער ר׳ שמעון בארבון האט זיך גאר ניט געקענט
135 אפוונדערן, ווי אזוי קומט א פויפס |טעקסט: פאפסט|
|...| צו האבן אזעלכע לומדות פון יידישן דת, אזא
בקיאות, אזא חריפות". אמד, ר׳ שמעון בארבון דער
רבינער פון מיינץ, ווילנע, ז׳ 25.

1928 " |...| און אז דער מגיד הייבט אָן א באקאנטן
130 פסוק, פארלויפט ער אים דעם וועג, ענדיקט דעם
פסוק און קוקט זיך ארום, צי דער עולם באמערקט
זיינע בקיאות". אפּא !!!, ווילנע, ז׳ 62.

1966 " דער זון |פון רב| האט סמיכות אויף רבנות,
בל-5900 ער האט אבער נישט געבלישטשעט ניט מיט בקיאות
און ניט מיט חריפות". ב. צ. לעוויט, יזב שטשטשין,
ת"א, ז׳ 30.

בקיילע - די, =ס. געוויקס, מין גרינוואַרג
צום עסן (זען ציטאַט).

1930 " בקיילע איז א מערב-אפריקאנישע יאַזשינע
150 |גרינס|, ענלעך צו שפּינאַק. דאס דערלאנגט מען צו
דער ראש-השנהדיקער סעודה. מען פרעגלט צו א פונט
רינדערנע לאפּאטקע מיט צוויי ציבעלעס |...| מען
גיט צו |...| ווייסע פּאטאליעס, אויסגעבריטע
און צעשניטענע בקיילע, זאלץ און פעפער".
ב. שאפּראן, יידישע קוך". ווארשע, ז׳ 112.

?נ? בקימוץ |בעקימוץ| - אדוו. (לל. עלט) קארג,
ווינציק, שפּארעוודיק.

1864 " דיזער |דער אָ| חכם |פלאטאן| האט אימער געלעבט

153 זייער פרום און זייער בקימוץ, דען ער האט זיך
איינגעוווינט פון זיינער קינדהייט אן ניט צו לעבן
אין ווייללוסט". איבן|אמד|, יהודה ליב בן-זאב,
ספרי חכמי יון |...|, ווילנע, ז' 32.

ב ק י צ ו ר |בעקיצער| - אדוו. 1.(ווי אן אומשטאנד-
באשטימונג פון אופן אדער צייט) ניט מיט קיין סך
רייד, ניט מיט אלע פרטים (דערציילן, באשרייבן).

... " וואס זאל איך אייך דא א סך דערציילן און
187 אָנברייען, איך וועל אייך ליבער זאגן בקיצור און
קיין שהיות ניט מאכן". עס. סערקעלע, ציט יידישע
כתבים, ווילנע 1925, ז' 400.

1864 " איך פלעג א ביסל אונטערפאלשעווען, מאכן
187/א די שפיל בקיצור און אריינברענגען דאדורך איין
כעס מיין בעל-הבית". ממוס, דאס קליינע מענטשעלע,
קאנק 18.

1917 " בקיצור קאן זיין ענטפער פארמולירט ווערן
157 אזוי |...|". זשיט, שריפטן VII, נ"י, ז' 34.

1975 " לאמיך אייך דערציילן בקיצור די סיבה פון
157/א מיין אומפריינדלעכן אפּצאַל |...|". סוצ, גרינער
אקוואריום, ~~קאנק~~ תשל"ה, ז' 117.

2. (ווי א באמערקווארט צום זאץ) מיט איין ווארט,
קורץ געזאגט, הייסט עס, נו.

1834 " בקצור, אום מאנטאג זיינען גיקומן די פוחזים
161 אונטער שטאט". מעשה גדולה מן אומן, סודילקאוו,
ציט הש T.

1871 "בקיצור, וואס זאל איך אייך זאגן, // די ביידע
186 |דער יצר-טוב מיטן יצר-הרע| האבן זיך אזוי לאנג
געשלאגן, // ביז דער יצר-הרע האט אים איבערגעוווּנען".
א. ב. רוף, דער שיכור|...|, ווארשע, ז׳ 17.

קאנק 1907 "בקיצור, די ווייבער האבן שוין אזא טבע |...|".
שע, מאטל I, ציט איסג 1937, נ"י, ז׳ 198.

1975 "|...| גענומען ביי זיי תקיעת-כף, אז זיי
קאנק וועלן האלטן א סוד. בקיצור, ר׳איז געגאנגען איבערן
שולהויף". באש, דער שפיגל[...], 142.

|| בקיצורדיק |בעקיצערדיק| - אדי/אדוו. דזוו דפוו, ב 1.
1957 "די סעודת-שבת-קודש פון שבת-סליחות |...| איז
202 געווען א סך בקיצורדיקער". לדב, נ"י, דף קי"ז.

בקיצורדיקייט - די, בא. קורצקייט, געפאסטקייט
אין רעדן, שרייבן. % די גרויסע מעלה פון דעם
רעדנער איז די בקיצורדיקייט, קאנדענסירטקייט פון
שפראך.

בקיצורל |בעקיצערל| - דאס, =עך |אריוו|. א קורצע נייעס-
נאטיץ?

...........................................................

רעד: צו וואס דאס ווארט? וואס איז שלעכט: נייעס בקיצור?
קורצע (נייעס=) נאטיצן? בפרט קלינגט עס משונהדיק
אין מערצאל...

...........................................................

0) בקיצור-הדבר |בעקיצער האַדאָוואָר| - אדוו פר, געניצט ווי א באמערקזאץ. (לל) קורץ גערעדט, קורץ דערפון, אין סך-הכל.

... " בקיצור הדבר, סע האט ניט געהאלפן קיין כאַבאַר,
קיין שתדלונות, מיר האבן געמוזט פארלאזן דאס דארף". ברושי
אש, |ווו, ווערק?|

בקיצור נמרץ |בעקיצער נימרעץ) - אדוו פר. (לל) זייער קורץ, אין געציילטע ווערטער, לאַקאָניש.

1850 " צו דערציילן פון פטירת מורנו |...| רבי
ישראל בעל שם טוב איז פול צו שרייבן. מיר וועלן 209
שרייבן בקיצור נמרץ". ס' שבחי הבעש"ט, זאָלקווא,
תר"י, דף 48 - I.

1968 " לייענט איר פאר מיר איבער די ביכלעך און
זאגט מיר איבער בקיצור נמרץ, וואס דארט שטייט
געשריבן". חג, צמח אטלאס II, נ"י, ז' 105.

מאכן (דאס) בקיצור - ( וועגן רייד ) ניט מאריך זייַן אין פרטים. % וואס ברייעסטו אזוי פיל, מאך עס בקיצור!

...190 " שלום-עליכם, מאכט ער אפ בקיצור, |...|
דרייט זיך אויס און לויפט ווייטער". ממוס, 170
שלמה |...|, ז' 34.

1975 " מ'וואלט געקאנט דערפון א בוך אנשרייבן,
נאר איך וועל עס מאכן בקיצור". באש, דער 170/א
שפיגל [...], ת"א, ז' 63.

ם ----> 1.

1746 " דיא חסרונות פון דיא לייט גאר קיין ענד העטין,
158 אונ ווען דער חכם וועלט זיא גאנץ בקיצור שטעלין
קאן מן פיר הונדערט פרקים דרויש מאכין".
ר' משה אייזנשטט, דרך הישר |...|, הומבורג.

----> 2.

1684 " בקיצור ר' אלי' האט זיא דז ווארט געבין ער
184 וויל זיך בייא איגן אייך שטעלין |...|".
יידישע כראניק פון דער באלאגערונג פון ווין 1683,
פראג, תמ"ד, ציט, A. Furst, MGWJ, 1937, ז' 232.

?נ? ב ק י ר ב ע ס |בעקירבעס| - כלומרשטער העפּרעיזם,
נאר אין ווערטל:
כל-זמן שהנשמה בקירבעס |קאָל-זמן שעהאַנעשאָמע בעקירבעס|
- שפּאַסיקע פאַרגרייזונג: אַנשטאָט 'בקרבו' |בעקירבוי|, אין אים,
אינעווייניק, איז אריינגעשטעלט דאָס יידישע
ווארט 'קירבעס'.

ב ק ל ו ת |בעקאַלוס| - אדרו. (לל) גרינגשאַצדיק
(די דינים און מינהגים פון יידישקייט).

1883 " |...| און אז די ראשי העדה זיינען קלים,
פירט זיך די גאנצע קהילה בקלות, אָן יראת שמים".
נופת צופים (איכה), ווילנע, דף 62 - II.

0 בקלות-ראש |~|=ראש| - אדוו פר. (לל).

1. ליכטזיניק, ניט ערנצט.

2. (עלט) מיט אַ בלויזן קאָפּ, אָן קאַפּצודעק.

1848 " ער זאל געוואָרנט זיין פון צו גיין בקלות-ראש

219 חס ושלום וואָרום פון דעם קען ער קומען עובר צו זיין

די הארבי עבירות". מ. פאפּפוש, הלכות דרך ארץ,

לעמבערג.

1869 " וואס טויג אונדז תנ"ך?... מיר ווייסן שוין

218 וואס דער סוף איז דערפון. ניין, אונדזערע קינדער

וועלן ניט גיין בקלות ראש". קמ, נ' 20, ז' 233-I.

ניעשט אזוי דער בקלות ראש, ווי דער בכלהס הינטן -

ווולגאר וועגן אפּיקורסים, הולטייעס. (אז דאס

צווייטע אינטערעסירט (ווארטשפּיל: בקלות-בכלהס,

פון פלה).

1711 " פון הינן זאל מן לערנן ניט צו גיין

220 (בקלות ראש) אן הוט, אונ' זאל זיין קאפף וואול

צו דעקן". צורנן אמשטרדם, דף טז - I.

ב ק"ן טעמים |בעקאַן טייַמים| - אדוו פר. (לל)

מיט א סך, מיט וויפל מע וויל מאַטיוון, באַווייַזן.

אז ער וויל קאן ער כשרן א שרץ בק"ן טעמים

(ק"ן = 150 ).

1870 " ער |דער 'גאַלאַס'| קען מטמא זייַן א יידן

224 בק"ן טעמים מיט איין שמיר פון זיין פעדער".

קמ, נ' 22, ז' 161 - I.

1968 " אין דער מיר פוצט מען זיך ווי דארפישע שקצים
אין א חגא. |...| אין דער מיר איז מען מטהר דעם
שרץ בק"ן טעמים. מען פאררופט זיך, אויף א גמרא,
אז א תלמיד-חכם וואס מען געפינט א פלעק אויף זיין
בגד איז חייב מיתה". חג, צמח אשלאס II, נ"י,
ז' 23.

ב ק צ ו ר – ---> בקיצור.

ב ק ק ת י ך |בעקאַקטעכאָ| – אדוו. שפּאַטיש ווולגאַר
פון בק"ק (בקהילה קדושה), זייער שלעכט, שלים-
שלימזלדיק. % די געשעפטן זיינען איצט בקקתיך,
מע לייזט ניט א גראָשן (וואָרטשפּיל מיט 'קאַקן').

ב ק ר ב |בעקערעוו| – אדוו. (עלט) אין דער נאָענטסטער
צייט, אין גיכן.

1867 " זיין שווער, וואס האט א רעכטן פארמעגן, דארף
אי"ה בקרב |טעקסט: בקרב| געלעגן ווערן". אמד, 235
דער ישובניק, ווילנע, ז' 27.

רעד: זאל עס זיין אין פיגוראטיווון זינען: אנזעצן?
דירעקט האט עס ניט קיין זינען! [illegible]
[illegible]

1875 " האבן זיי בעז"ה תנאים געשריבן און די חתונה
איז אויך געווען בקרב |טעקסט: בקרב| צו מזל". 232
קהל חסידים, לעמבערג, ז' מ"ח – I.

רעד: אין העבעריש ניטא אזא פארמע פון ווארט מיט [illegible]
באטייט. אפשר איז דער ניקוד און דער אויסלייג [illegible]
פארגרייזט אין טעקסט, אנשטאט "בקרוב"?

?נ? 0 <u>בקרב-ימים</u> |...=יאָמים| - <u>אדוו פר.</u> (<u>לל</u>) - אין
די נאענטסטע טעג, אין דער באַלדיקער צוקונפט.
% מיר האפן צו זען ישועות ונחמות אויף יידן
<u>בקרב-הימים</u>.

<u>בקרב-שנים</u> |...=שאָנים| - <u>אדוו פר.</u> (<u>לל</u>) אין די נאענטסטע
יארן, אין דער נאענטסטער צייט.

ב ק ר ו ב |בעקאָרעוו| - <u>אדוו</u>. אין דער נאענטסטער
צייט, אין גיכן. % מיר האָפֿן, אז מיר וועלן זיך
<u>בקרוב</u> זען, אפשר נאך היינטיקן חודש.

1863 " אלע דינים |...| וועלן מיר <u>בקרוב</u> ארויסגעבן
אויף פראסט יידיש אין א ביכל, כדי איטלעכער ייד 236
זאל עס קענען". <u>קמ</u>, נ' 13, ז' 196.

1935 " און דערציילט וועגן ווונדער, וואס וועלן
<u>בקרוב</u> געשען". <u>באש</u>, <u>דער שטן</u> |...|, <u>קאנק</u> 28.

1970 " עס האבן זיך אין פארשיידענע אמטן געלאזט
הערן קלאנגען, אז דער גאנצער באצירק פון נייסאנץ 237
דארף <u>בקרוב</u> ווערן 'יודענריין'". <u>רעד' ר. מאהלער</u>,
<u>יזב פון סאנץ</u>, ת"א, ז' 835.

0 <u>בקרוב בימינו (ונאמר אמן)</u> |בעקאָרעוו בעיאָמיינו
(וועניאָמאַר אָמיין)| - פראזע, געניצט אפט ביי א
ווינטשעוואניע. % זייט געזונט און פארט געזונט
און מיר זאלן דערלעבן צו הערן איינער פון אנדערן
אלדאס גוטס! - מיר ווינטשן אייך דאס אייגענע, הלוואי
<u>בקרוב בימינו ונאמר אמן</u>.

ב ק ש ה |באַקאָשע| - די, מצ בקשות |באַקאָשעס|.

1. ווענדונג צו עמעצן וועגן דערפילן א פארלאנג, וועגן טאן א טובה דעם בעטער. % דערפילן (אויספירן) א בקשה. האבן צו עמעצן א בקשה. קומען מיט א בקשה.

1864 " דער עולם האט מיט דער צייט אויפגעהערט גיין מיט בקשות צו איסרן, ווארעם ער איז דאך שוין מער נישט קיין ארענדאר". ממוס. דאס קליינע מענטשעלע, 269
ציט אויסג. נ"י, 1910.

1928 " |...| בערקע אין צוגעגאנגען מיט אן אויסגעהזרטער בקשה". אפּא I, ווילנע, ז' 19. 261

1953 " איך האב |מיין ארטיקל| געשריבן מחמת א דרינגענדיקער בקשה מצד יידישע פריינד". גרין, איך און 267
וועלט, נ"י, ז' 241.

2. (ספעציעל) געבעט צו גאט אין א תפילה. % בעטן גאט ער זאל ממלא זיין די בקשה.

1832 " איך האף צו גאט דאס ער וועט מיר טאן מיין בקשה |...| איך בעט פון אים מיין צונג זאל 263
קאנען ריידן אונ תפלה טאן". מחזור לראש השנה, סלאוויטע, דף לז-א.

1934 " א גרויסע בקשה פארלאנגסטו פון (בר)נו-של -עולם |...|". אש, דער תהילים-ייד. 283

1964 " דער בית-דין-של-מעלה האט געפסקנט |...| אז השי"ת זאל ממלא זיין די בקשה זיינע צו האבן 253
הצלחה אין צדקה". ס' השיחות, נ"י, ז' 40.

3. אפיציעלע ווענדונג צו אן אמט, אינסטיטוציע; ביטשריפט, (דטשמ) ביטע, פעטיציע. % אָנגעבן/ אײַנגעבן (דערלאנגען) א בקשה. ענטפערן אויף דער בקשה. צו דער בקשה וועגן א וויזע דארף מען ביילייגן די מעטריקע.

" פלעגט די צווישן די פארשיידענע פארשוינען |...| אויפזאמלען שריפטלעכע בקשות און אריינוואַרפן זיי אין קעסטל". פ. קאטיק, מיינע זכרונות. 258

1947 " די יידישע באפעלקערונג האט אים באדארפט האבן, |...| ער האט געשריבן בקשות אין געריכט, האנדלסבאַריוו". רעד' י. שאצקי, טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 19. 246

1951 " עס איז ניט געווען אין ליטע קיין איין שטעטל |...| ווו שטאטישע מיעשטשאנעס זאלן זיך ניט האבן אַנגעגעבן בקשות |...| צו דער רעגירונגס-מאכט, אז מען זאל יידן באגרענעצן אין האנדל און מלאכה, צי גלאט ארויסטרייבן". א. קאצענעלענבאגען, זב ליטע I, נ"י, ז' 337. באג-2049

|| בקשהדיק|באַקאָשעדיק| - אדי/אדוו. ווי אין א בקשה, אין טאָן/נוסח פון א בקשה.

1945 " די גאס אבער האט מאלקינען די ווערטער צוגענומען, // האט ער ווידער בקשהדיק געזאָגט |...|". מבא, דער גייער, נ"י, ז' 489. 288

0 בקשה-בריוו - די/דער. (עלט) מין רעקאמענדאציע-בריוו|?|.

1890 " דאס איז געווען א בקשה-בריוו אויפגעשריבן אויף זיין נאמען מיט דעם נוסח, ווי מען גיט ארויס אַן ארעמען יורד |...| אום ארומצופארן |...| קלייבן נדבות". ר' יעקב מדובנא, משלי חכמה (דברים), 286

בקשה-שריפט - די, =ן. דזוו בקשה,ב 3.

1958 " א ייד גייט צו א פראשעניע-שרייבער און בעט אים, ער זאל פאר א ם אנשרייבן עפעס א קנאקעדיקע בקשה-שריפט |...| צום גענעראל-גובערנאטאר בכבודו ובעצמו". צייט, טאג, 12/XII. 291

שוו: ער מיינט ניט די דרשה, נאר די בקשה |סטוטש 363|.
ווי די דרשה אזוי די בקשה |סטוטש 472|.

.........................................................

רעד: ס'איז מיר ניט קלאר דער מיין פון די שוו, אפשר מיינט דא 'בקשה' דאס געלט וואס דער מגיד האט געפאדערט פאר זיין דרשה?

.........................................................

ם ---> 1.

1756 " ע"כ בלאנגט מיין בקשה גדולה |...| מייני פאר שטעלונג וואהל צו אפסערווירן אונד איבר ליגן |...|". בריוו פון משולם זלמן מדפיס, זולצבאך, תקט"ז, ציט י. היילפערין, ועד ארבע ארצות, ירושלים, תש"ה. 268

---> 2.

?1685 "איך האב אין דער תפילה פון ברוך שאמר אן אונ' ווייטר איין גזעצט תהילים |...| אונ' זונשט תחינות ובקשות". עפש, דרך הישר לעולם הבא, פפד"מ, |תמ"ה?|, דף 3 - I. 292/a

---> 3.

1725 " איין בן אדם דר האט איין גרושי בקשה פאר צו ברענגן בייא איינם מלך |...|". דצוו, פיורדא, תפ"ה. 252

1729 „[...] דיזע טײטשע ספרים מיט זייער גרויסע כוונות און תחינות און בקשות זיינען אויף אויקומען". ר' אריה ליב [...] זעליגמאן, תיקוני המועדים, פיורדא, תפ"ט, חלק ראשון.